# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת קדושים תשפ"ד שנה י | גליון מס' 532

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## דער כח פון מלמד זכות זיין אויף א צווייטן איד

**"לֹא תַעֲשׂוּ עָוֶל בַּמִּשְׁפָּט לֹא תִשָּׂא פְנֵי דָל וְלֹא תֶהְדַּר פְּנֵי גָדוֹל בְּצֶדֶק תִּשְׁפֹּט עֲמִיתֶךָ"** (יט טו)

די הייליגע חכמים זאגן (שבועות ל א) אז דער ציווי וואס די תוה"ק געט דא פון: "בצדק תשפט עמיתך" איז נישט נאר געזאגט געווארן פאר דיינים, אז ווען בעלי דינים שטייען פאר זיי זאלן זיי דן זיין די בעלי דינים לכף זכות, נאר עס רעדט אויך צו יעדער איד. עס זאגט פאר יעדן איד אז ער זאל דן זיין א צווייטן לכף זכות, אז ווען ער זעט א מעשה ביי א צווייטן איד וואס מען קען דן זיין לכף זכות אדער לכף חובה, זאל ער אים דן זיין לכף זכות.

איבער די גרויסקייט פון דן זיין א צווייטן איד לכף זכות זען מיר אין די גמרא (שבת קכז ב): אז ווער עס דן א צווייטער איד לכף זכות איז מען אים אויך דן לכף זכות.

אין די מפרשים איז דא א פלוגתא וואס מיינען די חכמים צו זאגן אז מען איז אים דן לכף זכות. דער בעל התוספות רבי **אליעזר ממעץ** זאגט אז דער ווארט "אותו" גייט ארויף אויף דער וועמען מען איז דן למעלה, אז מיט דעם וואס ער איז דן א צווייטן למעלה לכף זכות איז ער גורם אז מען זאל יענעם אויך דן זיין למעלה לכף זכות, ווייל דער בית דין של מעלה גייט נאך די בית דין של מטה און אויב מען איז אים דן דא למטה לטובה איז מען אים אויך למטה דן לטובה.

דאגעגן דער **של"ה הק'** איז מפרש אז דער "אותו" גייט ארויף אויף דער וואס איז 'דן' א צווייטן, אז ווער עס איז דן א צווייטן לכף זכות איז מען אים אויך דן לכף זכות, ווייל די פעולה וואס א מענטש טוט למטה איז מעורר אז מען זאל טון פאר אים אזוי למעלה. דער שלה"ק לייגט צו אז דאס גייט ארויף אויך אויף עבירות, אז ווייל ער איז דן יענעם לכף זכות איז מען אים אויך למעלה דן לכף זכות און די מקטרגים האבן נישט קיין כח מקטרג צו זיין אויף אים.

נאך זאגט דער של"ה אז ווי מיר ווייסן טוט יעדע עבירה ממעט זיין כבוד שמים און וועגן דעם ווען מען איז דן א איד לכף זכות און מען איז קובע אז זיין מעשה איז נישט געווען קיין חטא ווערט נתרבה כבוד שמים און ווייל ער איז מרבה כבוד שמים איז ער זוכה למעלה צו א חיבה יתירה.

'שיטה מקובצת' נדרים מ א; 'שני לוחות הברית' שער האותיות ערך כף זכות אות ב

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## ענטפערן אמן - מתוך אהבת ישראל

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר איבער די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך". די תוה"ק באפעלט אונז מיט די מצוה אז מיר זאלן ליב האבן יעדן איד און צו זוכן די טובה פון יעדן איד און טראכטן ווי אזוי מיר קענען גוט'ס טון פאר א צווייטן איד.

דורכאויס דער טאג פון א איד קומט אונז אונטער מערערע געלעגענהייטן ווען מיר קענען טון גוט'ס מיט א צווייטן אבער אין דעם מאמר ווען מיר זיך קאנצעטרירן איבער די מצוה פון 'ואהבת לרעך כמוך', ווען עס רעדט זיך פון זאכן וואס זענען נוגע די קיום התורה והמצוות פון א צווייטן איד.

אז דער געדאנק זאל זיין קלאר לאמיר ערשט אראפברענגען א מקור איבער "ואהבת לרעך כמוך" ווען עס קומט צו זאכן וואס זענען נוגע צו תורה ומצוות. אז מען זאל עס קענען פארשטיין און אפלערנען פאדערט זיך ערשט צו דערמאנען דער פסוק [שמות יט. ב.] ויחן שם ישראל נגד ההר.

כידוע איז רש"י מדייק אויפ'ן ארט אז וועגן דעם שטייט דער ווארט "ויחן" מיט א לשון יחיד, ווייל ווען כלל ישראל האט גערוט אין סיני זענען זיי געווען באחדות און ווי עס איז דער לשון פון רש"י דארט: "כאיש אחד בלב אחד".

פון דעם זעען מיר אז די תוה"ק מיט אחדות גייען צוזאמען.

עס קען זיין אז די אחדות דערקענט זיך ווען א איד ענטפערט אמן אויף די ברכה פון א צווייטן ברכות. ווען א איד מאכט א ברכה, אפילו אז די ברכה וועט געמאכט ווערן מיט א קול, מיט א כוונה, מיט הארץ, וועט עס אבער נישט זיין א שלימות'דיגע ברכה אן וואס דער צווייטער איד ענטפערט אמן, ווייל די שלימות פון א ברכה איז ווען מען ענטפערט אויף איר אמן, עס קומט אויס לויט דעם אז די נושא פון דער ענטפערן אמן איז א חלק פון ואהבת לרעך כמוך.

לויט ווי מיר האבן געזאגט דא וועט אויסקומען אז דער וואס ענטפערט אמן, אויסער וואס ער איז מרבה כבוד שמים, איז ער מקיים די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך" ווען ער ענטפערט אמן, ווייל מיט דער ענטפערן אמן מאכט ער א חסד מיט'ן צווייטן איד.

עס קען זיין אז די בחינה איז מרומז אין די ווערטער וואס מען זאגט ביים בענטשן ראש החודש: "חברים כל ישראל ונאמר אמן" ווייל ווען מען איז מקיים דער "ונאמר אמן" איז מען מרבה צווישן כלל ישראל אהבה ואחוה.

דער יסוד איז נרמז אויך אין פסוק אליין. ווען מען קוקט אריין וואו די תוה"ק געט די ציווי פון ( יט יח) "ואהבת לרעך כמוך" זעט מען אז די מצוה ענדיגט די תוה"ק צו מיט די ווערטער: "אני ה'" און דאס איז א רמז אז מען דארף מגדיל זיין כבוד שמים דורך וואס מען ענטפערט אמן אויף די ברכה פון א חבר.

אין די טעג קלאגט כלל ישראל אויף די מיתת הצדיקים פון די תלמידי רבי עקיבא. חז"ל זאגן אז די סיבה פארוואס זיי זענען נסתלק געווארן איז געווען ווייל זיי האבן נישט נוהג כבוד געווען אין זייערע חברים.

אז מיר ווועלן זיך פארנעמען און מאכן ברכות כראוי וועט די זכות אונז בייזשטיין אז אונזערע תפילות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון אמן.

**מיט א קריאה פון "חברים של ישראל ונאמר אמן"**

**שבת שלום**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — די תפלה פון דער געשעפטסמאן איז געווארן געענטפערט —

עס איז שוין געווען טיף אינמיטן ווינטער ווען די איינוואוינער האבן אנגעהויבן זארגן וועגן רעגן. אלע יארן אין אזא צייט איז שוין די רעגן לאנג אראפ, די ערד איז

דער געשעפטסמאן האט אויך פראבירט אפצוזאגן. אויך ער האט גע'טענה'ט אז ער קען נישט קיין גוטע עברי', אבער דער רב האט זיך נישט געלאזט פון אים און אים געצווינגען צו צוגיין צום עמוד. דער געשעפטסמאן האט זיך געלאזט איבערבעטן און צוגעשטימט צו צוגיין אבער דאן איז ער אנטלאפן פון שול.



שוין דורכגעווייקט נאס, אבער די יארן א טרוקעניש, עס רעגענט נישט און אז עס רעגענט נישט וועט נישט זיין קיין עסנווארג, קיין ברויט מיט וואס זיך צו שפייזן.

די רבנים פון שטאט זענען זיך צוזאמענגעקומען. מען האט גוזר תענית געווען - שני חמישי ושני - אבער די שערי שמים זענען געבליבן פארשלאסן.

פון גרויס ענגשאפט האט זיך דער רב פון די שטאט געשטעלט דאווענען פאר הקב"ה אז ער זאל אים חונן דעת זיין ווי אזוי ער קען מעביר זיין די שלעכטע גזירה פון די תושבי העיר.

איינער פון די נעכט האט זיך דער רב געלייגט שלאפן, ביינאכט חלומ'ט ער זיך ווי א קול רופט אים און זאגט אים אז עס וועט נישט אראפגיין קיין רעגן אויף די ערד, אזוי לאנג ווי דער געשעפטסמאן וועט צוגיין צום עמוד און מתפלל זיין אויף רעגן.

מיט איין בהלה האט זיך דער רב דערוועקט פון די שלאף, ער האט נישט געוואלט גלייבן די חלום און זיך צוריקגעלייגט שלאפן, אבער ווען די חלום האט זיך נאכאמאל איבערגע'חזר'ט האט ער געזען אז עפעס ליגט אין דעם.

יענער צופרי' נאכ'ן דאווענען האט דער רב געלאזט וויסן אז היינט גייט זיין א ספעציעלע תפילה פאר רעגן. עס איז נישט געווען די ערשטע מאל וואס דער רב האט פארופן א יום תפילה פאר די רעגן, אבער יעדער האט געשפירט אז היינט איז עפעס מער ווי יעדן טאג.

אין די מיטאג שעה'ן האבן אלע די אפגעשפארט געשעפטן און געקומען אין שול. מען האט זיך שוין געגרייט אנצוהייבן די תפילה ווען דער רבי ווייזט פאר'ן שמש, ער זאל לאזן רופן דעם געשעפטסמאן און אים צושיקן צום עמוד.

א וואונדער האט באטראפן דער ציבור. יעדער אין שול האט זיך געוואונדערט וואס גייט דא פאר און פארוואס עפעס זאל דער רב צושיקן א איד וואס איז באקאנט אלץ עם הארץ, אבער דער רב האט זיך נישט געקימערט אויף גארנישט, מיט א שטארקקייט האט דער רב געפאדערט פון אים ער זאל צוגיין צום עמוד.

דער געשעפטסמאן האט אויך פראבירט אפצוזאגן. אויך ער האט גע'טענה'ט אז ער קען נישט קיין גוטע עברי', אבער דער רב האט זיך נישט געלאזט פון אים און אים געצווינגען צו צוגיין צום עמוד. דער געשעפטסמאן האט זיך געלאזט איבערבעטן און צוגעשטימט צו צוגיין אבער דאן איז ער אנטלאפן פון שול.

נאך א קורצער צייט האט ער זיך צוריקגעקערט, אין זיין האנט האט ער געהאלטן איינגעוויקלט אין א שמאטע זיין וואג שטיינער, מיט וועלכע ער האט באדינט די קליענטן וואס זענען אריינגעקומען צו אים אין געשעפט.

נאכ'ן אנטון די טלית האט ער אויפגעהויבן די שטיינער און מיט נאסע אויגן האט ער עס געוויזן פאר'ן ציבור און זיך אנגערופן: "רבונו של עולם, דא האסטו פאר דיר די צוויי וואג שטיינער. מיט זיי וועג איך יעדן טאג אפ מיינע סחורה. די צוויי וואג שטיינער סימבאליזירן דיין הייליג נאמען. די צוויי לעפלעך זענען קעגן די צוויי ההי"ן - דער שטאנג איז קעגן דער 'ויו' און די רינגעל פון דער וואג איז קעגן דער אות יו"ד".

אויפהייבנדיג די צוויי שטיינער אינדערהייך האט דער איד זיך אנגערופן:

"טאטע אין הימל, איך שטיי דא פאר די גאנצע עדה, איך בין מעיד איז איך האב קיינמאל נישט בא'גנב'ט מיינע קליענטן מיט די וואג שטיינער, איך האב קיינמאל נישט פוגם געווען אין דיין נאמען וואס איז מרומז אין די שטיינער. אויב איז אמת וואס כ'זאג, בעט איך דיר, אז די זכות פון די מצוה זאל מגין זיין און עס זאל אראפגיין רעגן פאר'ן ציבור".

נאך איידער דער געשעפטסמאן האט געענדיגט זיינע ווערטער האט אנגעהויבן צו גיסן רעגן. עס האט אזוי גערעגנט אז מען האט נישט געקענט ארויסגיין אין גאס, ווייל אזוי וואסער איז געווען אין גאס.

ווען דער רב האט דאס געהערט האט ער מעורר געווען דעם ציבור איבער די עונשים פון די וואס פארקרומען די וואג און דאגעגן די גרויסע שכר וואס איז דא ווען איינער איז ערליך און היט עס אפ, אז אין זכות קומט קעגן פאר די גאנצע שטאט.

„ילקוט מעם לועז' ויקרא יט לה

# רזי אמונים

## רמזים פון אמן אין די פרשה

### דער וואס ענטפערט אמן ווערט אנגערופן א 'קדוש'

**"וְהִתְקַדִּשְׁתֶּם וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים כִּי אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם"** (כ ז)

אין די גמרא מסכת ברכות (נג ב, ראה מהרש"א ח"א שם) דרשנ'ען חכמים דער פסוק אויף ברכת המזון. דער בעל 'סמיכת חכמים' הגאון רבי נפתלי כץ זאגט: "אויב דער וואס מאכט די ברכה איז א קל וחומר אז דער וואס ענטפערט אמן אז ער ווערט אנגערופן א קדוש ווייל מיר ווייסן דאך אז 'גדול העונה אמן יותר מהמברך'". (ברכות שם).

דער '**פלא יועץ**' ברענגט אן אנדערע ראיה צו דער געדאנק אז דער וואס ענטפערט אמן איז א קדוש. ער ברענגט א ראיה פון די סמיכות. מען זעט אז די תוה"ק שרייבט (במדבר ה י): "ואיש את קדשיו לו יהיו" נעבן די פרשה פון סוטה און ביי סוטה שטייט (שם כב): "ואמרה האשה אמן אמן". דאס איז א רמז אז ווער עס איז רגיל אין ענטפערן אמן איז זיך קונה קדושה".

די סיבה דערצו איז ווייל ווען מען ענטפערט אמן איז מען מייחד די שמות הקודש הוי"ה ואדנות אוןביידע אינאיינעם זענען גימטריא אמן.

דער בעל '**חשוקי חמד**' פלעגט מעיד זיין אז אין ירושלים האט מען בא'טיטול'ט א איד מיט די טיטול פון "קדוש" נאר ווייל אין די עלטערע יארן, אויך ווען ער איז שוין געווען אלט, פלעגט ער זיך אנשטרענגען צוגיין צו קענען ענטפערן אמן אויך ברכות.

'ספר הצוואה' כא; 'סמוכים לעד' נשא; 'נוטרי אמן' ח"א עמ' קנז

### די תורה הייסט ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה

**"וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם בַּשָּׁנָה הַשִּׁשִּׁית וְעָשָׂת אֶת הַתְּבוּאָה לִשְׁלֹשׁ הַשָּׁנִים"** (כה כא)

עס שרייבט **רבי יעקב חיים** דער בן יחיד און דער ממלא מקום פון דער בן איש חי':

דער ווארט 'לכם' [מיט'ן כולל] איז די גימטריא פון 'אמן'. מען קען אזוי דרש'נען דער פסוק: "וְצִוִּיתִי, אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם" - דער רבוש"ע באפעלט א איד אז יעדער מאל ווען איר הערט א ברכה זאלט איר ענטפערן נאך דעם אמן. ווי דער רמב"ם פסק'נט (ברכות א עג): "כל השומע אחד מישראל מברך ברכה מכל הברכות כולן, אף על פי שלא שמע הברכה כולה מתחלתה ועד סופה, ואף על פי שאינו חייב באותה ברכה, חייב לענות אמן".

'ציצים ופרחים'

# אוצרות אמונים

## פנינים אויף דער סדר התפילה

### היטן די קינדער פון זילזול תלמיד חכם

**"אַל תִּגְּעוּ בִּמְשִׁיחָי וּבִנְבִיאַי אַל תָּרֵעוּ"**

דער פשטות פון די ווארט "נביאי" איז א כינוי פאר די אבות הק' אברהם יצחק ויעקב וועלכע זענען געווען נביאים. דער פסוק קומט אונז אנזאגן אז הקב"ה האט געהיטן אויף זיי און נישט געלאזט אז מען זאל זיי שלעכטס טון. חז"ל דרשנ'ען אז די ווארט 'נביאי' (שבת קיט ב, ע"פ רש"י שם ד"ה ובנביאי) גייט ארויף אז מען זאל טשעפענען די תלמידי חכמים. א תלמיד חכם הייסט 'נביאי' על שם די פסוק ככתוב (תהלים צ יב): "ונָבִא לבב חכמה".

מיט דעם מהלך טייטש דער דער 'בן איש חי' אז דער פסוק "ובנביאי אל תרעו" איז א המשך צו וואס עס שטייט פריער אין פסוק "אל תגעו במשיחי". עס איז אן אזהרה אז מען זאל נישט אנרירן די קליינע קינדער און דער געדאנק איז אז ווען קינדער זען אז מען איז מזלזל אין א תלמיד חכם און מען רעדט אויף אים, גייט זייער שעצונג אראפ אין זיינע אויגן און ער פארלירט די חשק צו לערנען תורה און אויסשטייגן א תלמיד חכם.

דאס קומט דא די פסוק אנזאגן. ער זאגט אז מען זאל זיין געווארענט פון דעם 'אל תגעי במשיחי' און וואס זאל זיין די אזהרה "ובנביאי אל תרעו". אז מען זאל מכבד זיין פאר זיי תלמידי חכמים, ווייל אזוי וועלן זיי אויך וועלן אויסוואקסן תלמידי חכמים. ('בן יהוידע' שבת שם).

### אין להחשיב את הנביאים לחברים

**"אַל תִּגְּעוּ בִּמְשִׁיחָי וּבִנְבִיאַי אַל תָּרֵעוּ"**

דער פשוטער טייטש פון דער ווארט "תרעו" איז מלשון "רוע" וואס מיינט אז מען זאל נישט שלעכט טון די נביאי ה'. אבער דער 'זהר חדש' (רות פד ב) איז מפרש דער 'תרעו' מלשון "רֵעות" וואס מיינט פריינטשאפט. עס קומט צוזאגן אז איר זאלט זיך נישט פירן מיט די נביאים ווי רֵעים און ידידים - ווי גוטע פריינט און ווי עס איז דער לשון הזוהר שם: "מאי 'אל תרעו'? אל תעשו עצמכם רֵעים וחברים לנביאי, והקב"ה בחר בהם והבדילם מישראל לעבודתו והכניסם בהיכלו".

מיט דעם געדאנק האט דער 'בן איש חי' אמאל גענטפערט פאר ווער עס האט אים צי דער רש"ש שלום שרעבי האט אמאל זוכה געווען צו גילוי אליהו אז מיר האבן נישט קיין השגה אין די קדושי עליון און ווי עס שטייט דא 'ובנביאי אל תרעו' און דאס איז דארט זיין לשון: "ואשר שאלת, ששמעת שהיה לרבנו הרש"ש ז"ל גילוי אליהו זכור לטוב, ובקשת להגיד לך השערת שכלי בדבר זה איך הוא, דע כי יש אזהרה לנו מדברי הקבלה: 'אל תגעו במשיחי ובנביאי על תרעו', על כן אין לנו לדבר באנשים גדולים ועצומים בהשערת השכל שלנו" (שו"ת 'רב פעלים' ח"ג, בסוד ישרים סי' ד).




**א אמן וואס ווערט גענטפערט נאך א ברכה וואס דער וואס ענטפערט איז מחויב אין דעם און וויל יוצא זיין, אן צוהערן די ברכה** (שו"ע קכד ח).

**א אמן וואס ווערט גענטפערט נאך יעדע ברכה אן ער זאל וויסן אויף וועלכע ברכה ער ענטפערט** (רמ"א שם).

**א אמן וואס ווערט גענטפערט נאכן אריבער גיין א צייט פון 'תוך כדי דיבור' פון די ענדע פון די ברכה** (רמ"א שם).



# דרך אמונים

## די הלכות פון עניית אמן

## מפסיק זיין צו ענטפערן אמן צווישן "ברכו" ל"יוצר אור"

### ענטפערן אמן נאך "ברוך ה' המבורך לעולם ועד"

**דער וואס וויל ענטפערן אמן נאך דעם וואס דער ציבור ענטפערט "ברוך ה' המבורך לעולם ועד" נאך ברכו מעג ענטפערן אמן. עס איז דא וואס זאגן אז מען זאל נישט ענטפערן אמן נאך "ברוך ה' המבורך לעולם ועד"[1]. אויב מען האט אנגעהויבן די ברכה פון "יוצר" זאל מען לכולי עלמא נישט ענטפערן די אמן.[2]**

1. דער 'שער אפרים' (שער ד סעיף ו) שרייבט אז נאך 'ברכו' זאגט דער ציבור נאך "ברוך ה' המבורך לעולם ועד" און נאך דער "ברוך ה' המבורך לעולם ועד" זאל דער ציבור ענטפערן אמן. זיינע ווערטער ווערן געברענגט אין'דרך החיים' (דין ברכו ועונייתו סעיף ב) און אויך אין 'לבושי שרד' (סו ו) בדעת ה'מגן אברהם' (שם). אבער אין 'סידור הרב' (הלכות תפילין) שרייבט ער אז מען זאל נישט ענטפערן אמן נאך 'ברוך השם המבורך'. פאלגענד איז דער לשון פון דער שלחן ערוך הרב אין סידור: "ולא יענה אמן אחר 'ברוך ה' המבורך לעולם ועד' שאומר השליח ציבור, כי אין צריך כלל לענות אמן זה, שאין השליח ציבור אומר 'ברוך ה' המבורך לעולם ועד', אלא כדי לכלול עצמו עם הצבור. לכן אין לשליח ציבור להמתין מלומר 'ברוך ה' המבורך לעולם ועד' עד שיסיימו הצבור, אלא עונה עמהם ביחד".

דער רב פסק'נט אזוי להלכה אין 'שלחן ערוך הרב' (קצב ב). אויך דער 'חיי אדם' (יח ה) שרייבט אז מען דארף נישט ענטפערן אמן נאך די ברכה. דאגעגן דער 'משנה ברורה' (שם ד) ברענגט אראפ די הכרעה פון 'פרי מגדים' (שם) אז עס איז נישט קיין חובה צו ענטפערן אמן אבער אויב מען וויל קען מען ענטפערן אמן נאך די ברכה.

דער 'לבוש' (שם א) שרייבט אז ווען דער שליח ציבור זאגט 'ברוך ה' המבורך לעולם ועד' זאל ער עס זאגן בלחש. אין ספר 'ואמרו אמן' (ח"א אות פב) שרייבט ער אז ער האט געהערט פון רבי חיים נאה אז דער 'לבוש' האט אזוי גע'פסק'נט נישט צו צוברענגען דעם ציבור צו א ספק פון עניית אמן, נאך דעם וואס די פוסקים זענען חולק צי מען דארף ענטפערן אמן צי נישט.

2. דער 'משנה ברורה' (שם). אנדערש ווי דער 'לבושי שרד' שרייבט (סו ו) ווייל ער איז מפרש דער 'מגן אברהם' (שם) אז דער אמן נאך "ברוך ה' המבורך לעולם ועד' וואס דער חזן האט געזאגט איז כדין "ברכו" און איבראל וואו מען איז מפסיק צו ברכו איז מען מפסיק אויך צו די אמן. זעה 'שער הציון' (סי' סו ס"ק כג) וואס שרייבט אז דער 'לבושי שרד' האט זיך טועה געווען אין די הלכה.

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

### דער בעל ה'כלי יקר'

### ז' באייר שע"ט



די הייליגע מצבה פון דער בעל 'כלי יקר' אין די בית העלמין העתיק אין די שטאט פראג

דער צדיק רבי שלמה אפרים לונטשיץ איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי אהרן אין פוילן. אין זיינע יונגע יארן ער געלערנט תורה ביי דעם הייליגן מהרש"ל רבי שלמה לוריא זצ"ל.

אין מערערע שטעט האט דער צדיק געדינט ברבנות. צווישן זיי איז ער געווען רב אין די שטאט יערסלאוו וואו ער האט מחבר געווען זיין ערשטער ספר 'עיר גיבורים'. זייטיג צו זיין גרויסע גאונות איז ער געווען בארימט אלץ אויסגעצייכענטער בעל דרשן און אין יאר שס"ד איז ער באשטימט געווארן אלץ דער דרשן פון די שטאט פראג.

נאך די פטירה פון דער הייליגער מהר"ל מפראג אין יאר שס"ט, איז ער באשטימט געווארן צו זיין דער רב פון די שטאט פראג. צווישן זיינע גרויסע תלמידים האט זיך געציילט דער הייליגער תוספות יום טוב און דער בעל ווי העמודים.

ער האט איבערגעלאזט נאך זיך אסאך חיבורים בעניני דרוש ומוסר, איין ספר איז דער ספר 'רבבות אפרים', נאך א ספר איז 'עמודי שש' און 'שפתי דעת'. אין די וועלט איז ער געווארן מפורסם מיט זיין ספר 'כלי יקר' על התורה. אין די הקדמה אויף דעם ספר שרייבט ער אז אין יאר שס"א איז ער קראנק געווארן מיט א שווערע קרענק און וועגן די שווערע קרענק האט מען אים צוגעגעבן דער נאמען 'שלמה'. דאן האט ער געמאכט א נדר אז אויב ער וועט ווער געזונט וועט ער מחבר זיין דעם ספר. ער האט זיך אויסגעהיילט פון יענע קרענק און כל ימיו איז ער געווען כמעיין הנובע און געמאכט אסאך חידושי תורה.

ער איז נסתלק געווארן ז' אייר אין יאר שע"ט און ער ליגט אין די אלטע בית העלמין פון די שטאט פראג.

### דער 'ענטפערן אמן' איז ווי א חתימה אויפ'ן שטר

מיר ווייסן אז יעדער שטר פארמאגט אין זיך צוויי חלקים. עס איז דא דער גוף השטר און נאך דעם איז די חתימה. אין דער שטר שטייט אויסגערעכענט די פרטים פון דער געשעפט און די חתימה באשטעטיגט די געשעפט. אין א שטר וואו עס וועט נאר שטיין די גוף הדברים פון דער געשעפט אבער עס וועט פעלן אין איר די חתימה וועט דער שטר נישט האבן קיין תוקף. מיט דעם געדאנק געט דער כלי יקר צו פארשטיין אין זיין ספר 'עוללות אפרים' (ח"ג מאמר תס) דער חילוק פון די ברכה מיט די חתימה. די ברכה איז צוגעגליכענט צו די שטר און דער אמן צו די חתימה עליו. אזוי ווי די חתימה איז מקיים דער שטר אזוי אויך איז דער אמן מקיים די ברכה ('עוללות אפרים' ח"ג מאמר תס).

### די כוונה פון דער 'אמן'

חז"ל שטעלן צו דער ענטפערן אמן צו דער פסוק (דברים לב ג): "כי שם ה' אקרא - הבו גדל לאלקינו". זיי דרש'נען פון דעם אז אזוי האט משה רבינו געזאגט פאר כלל ישראל: "בשעה שאני מזכיר שמו של הקדוש ברוך הוא בברכה - אתם הבו גודל בעניית אמן" (רש"י ברכות כא א, ע"פ יומא לז א). פון דעם אז חז"ל האבן תולה געווען דער ענטפערן אמן אין דער פסוק "הבו גדל **לאלקינו**" לערנט דער 'כלי יקר' ארויס אז אויסער וואס מען דארף מהרהר זיין ביים ענטפערן אמן אין די שמות פון הוי"ה און א"דני וואס איז די זעלבע גימטריא פון 'אמן', דארף מען אויך אינזינען האבן דער שם אלקים וואס איז מרומז אין דער 'אלקינו', ווייל אויך דער שם איז די גימטריא פון אמן, ווייל דער שם אלקים איז גימטריא זעקס און אכציג און ווען מען וועט צולייגן צו דעם פינף אותיות וועט מען אנקומען צו איין און ניינציג כמנין אמן. ('שפתי דעת' האזינו סי' שע).